STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07832

TSVEY MOL HAY

Jacob Samuel Taubes

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צוויי מאָל ח״י

אַרויסגעגעבן פון
י. ש. טויבעס פּובליקאַציע־קאָמיטעט

אַנדערע ביכער פונעם מחבר:

דער חיוב פון אבלות, עסיי.
געזאַמלטע לידער, פּאָעמעס.
אויף יידישע יסודות, עסייען.
יידיש — נישט העברעאיש, עסיי.

צוויי מאָל ח״י

36

יידישע לימעריקס

פון

יעקב שמואל טויבעס

ניו-יאָרק, תשכ״ב

1962

TWO TIMES EIGHTEEN

36

Yiddish Limericks

by JACOB SAMUEL TAUBES

Copyright 1962 *by*
JACOB SAMUEL TAUBES

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער
Printed in the U.S.A. by
Shulsinger Bros., Linotyping & Publishing Co.
New York, N. Y.

תוכן

סקאַרבאָווע

1. אויף שבת 7
2. דער עיקר 8
3. אויף כּפּרות 9
4. כשר 10
5. דער קיצור־של־יוד 11

פּתּם־שטות

6. שיינדל און קריינדל........ 12
7. דער צווילינג 13
8. כינעזיש 14
9. שטייענדיקע ליריק 15
10. סוקסעס 16

ליטעראַרישע לימעריקס

11. דיכטער און ליינער........ 17
12. אַ רייכער טאַלאַנט........ 18
13. אויף צוויי חתונות........ 19
14. דער אינזיכיסט 20
15. רחמנות־קריטיק 21
16. בראָנפן מיט צוקער........ 22
17. קאָנסעקווענט 23
18. צו אַ געוויסן קריטיקער........ 24

19. אויסגעמענטשלט 25
20. סטיליסטישע מעטאַמאָרפאָזע 26

גלות און גאולה

21. קולטור־כניאָק 27
22. אין שפּאַן 28
23. פאָרווערטס אויף צוריק........................ 29
24. מעשה־נורא 30
25. אין זכות פון באָנדס........................ 31
26. ככל הגויים 32
27. איפכא מסתברא 33
28. אויף טאָטעריש 34
29. דער מהלך 35

לימעריקס וועגן לימעריקס

30. אין אַ לימעריק קען מען אַזוי — —........................ 36
31. און אַזוי — —........................ 37
32. דער קצב פון לימעריק........................ 38
33. נאָנסענס־לימעריק 39
34 פון קלאַנג צום געדאַנק........................ 40
35. אין דער אַטאָמישער תקופה........................ 41
36. פרומער לימעריק 42

אַ וואָרט וועגן לימעריקס........................ 45

פריוהייט 57

1 אויף שבת

מען דערציילט, אַז רב וועלוול דעם גבאיס
האָט געהאַט זיך זיין אייגנס דריי באַבעס;
צוויי באַבעס, אַ יעדע
פּאַר זיידע און זיידע —
און די דריטע אַזוי גלאַט, אויף שבת...

2 דער עיקר

דער רבי, זאָל לעבן, רב יוסע
פלעג זאָגן ביים מאַכן אַ כוסה:
צי בראָנפן, צי וויין,
דער עיקר ס׳זאָל זיין
פון גלעזערנע בעכערס, פון גרויסע...

3 אויף כּפּרות

מ׳האָט געפרעגט ביים רענדאַר פון פּידגוריץ,
לא עליכם, אַ ייד אַן עם־הארץ,
פאַרוואָס גרייט ער ניט אָן
אויף יום־כּפּור אַ האָן —
מאַכט ער: ע... דאָס טויג אַלץ אויף כּפּרות!

4 כשר

מ׳האָט געפרעגט ביי אַ ליטוואַק פאַרוואָס ער
האָט פאַרקויפט פון אַ פלייש, וואָס איז אסור;
מישט ער באַלד אויף אין ש״ס
און ער ווייזט איך דאָרט, אַז
יענער בשר, וואָס אָסור, איז כשר!

5 דער קיצור־של־יוד

ס׳האָט די מויד פון לודמיר בלי ספקות
געלייגט תפילין, געדאַוונט מיט דבקות,
ז׳האָט געפלאַמט און געגליט;
נאָך אַ קיצור־של־יוד —
וואָלט אַ צדיק געווען די צדקת...

6 שיינדל און קריינדל

מיט די אויגן אַראָפּ פירט זיך שיינדל
בעניוות און ניט זויווי קריינדל,
וואָס זי פלעג, האָט אַ יונג
איר געגעבן אַ ווינק,
פון דער זייט אויף אים וואַרפן אַ חנדל...

7 דער צווילינג

ס׳איז געווען אַמאָל איינער אַ בערל
מיט אַ צווילינג, אַ ברודערל שמערל;
פלעג די מוטער, די צנועה
און אַ אשה אַ בריאה,
זיי אַ רוף טאָן איינעם: שמערבערל!

8 כינעזיש

מען שפּילט שטענדיק פּינג־פּאָנג אין האָנג־קאָנג,
טאָג און נאַכט דאָרטן דרימבלט דער גאַנג;
און דאָס גלייכע געקלינג
הערט איר אויך אין פּעי־פּינג,
סיי דעם גאָנג, סיי פּעי־פּינגער פּינג־פּאָנג!

9 שטייענדיקע ליריק

ס'האָט אַ דיכטער פון הינטער פּאָדוויריק,
לאַ־עלינו, געקראָגן אַ טשיריק;
זיך אַראָפּזעצן קען
ער נישט מחמת דעם ברען —
שרייבט ער איצט בעמידה זיין ליריק!

10 סוקסעס

מיט זיך שטופּן, זיך דרייען, זיך דריקן,
האָט אַ דיכטער געפונען זיין תיקון;
ר'האָט געדרוקט און געדרוקט,
ביז ר'האָט טאַקע באַגליקט —
היינט פאַרמאָגט ער צוויי לידערפאַבריקן!

11 דיכטער און ליינער

ס׳איז פֿאַרהאַנען אַ דיכטער דאָ איינער,
וואָס פֿאַרשטייען פֿאַרשטייט אים נישט קיינער;
עס ווייזט אויס, ער אַליין
הויבט ניט אָן צו פֿאַרשטיין,
אויב ער ליינט, וואָס ער שרייבט, ווי אַ ליינער...

12 אַ רייכער טאַלאַנט

לשם קונסט איז ער קיין איבערקלייבער,
דער פּאָעט מיט זיין שוואַכקייט פאַר ווייבער;
ווייל נאָך יעטווידן חטא
שרייבט ער אָן אַ סאָנעט —
ער איז זייער אַ פּראַקטיקער שרייבער!...

13 אויף צוויי חתונות

מען מוז מודה זיין, ניט יעדער קען עס,
קען פאַרדרייען אַזוי מיט דער פען, עס
זאָלן שדכענען זיך
קאַרל מאַרקס מיט משיח;
אָט די קונץ קען נאָר איינער, אַ מענעס!

14 דער אינזיכיסט

זיך זיין איך טיף אין זיך צו געווינען,
האָט אַ דיכטער אין זיך זיך פֿאַרשפּונען;
ר'איז אַראָפּ אין זיין איך
כמעט ביז צו דער דיך —
נאָר ר'האָט דאָרט, נעבעך, גאָרניט געפֿונען...

15 רחמנות־קריטיק

ניט קריטיק מיט איר קוק, מיט איר קילן,
נאָר אַ שטראָם פון רחמנות־געפילן
האָט געפעדערט דיין האַנט,
צו אַנטדעקן טאַלאַנט
און אַ שרייבער צו זען אין — שלומיאלן!...

16 בראָנפן מיט צוקער

בײַ אַ ייִדישן דיכטער, אַ שיכור,
איז דער ביטערער טראָפּן דער עיקר;
וואָס מער משקה, מער גליט
און ווערט זיסער זײַן ליד —
עס איז ממש ווי בראָנפן מיט צוקער...

17 קאָנסעקוועגט

„קאָנסעקוועגט“ — ליין איך לעצטנס פאַרוואונדערט —
„בין איך שטענדיק, אַמאָל ווי אַצונדערט!“
איך פאַרגין דיר דעם קראַנץ;
ביזט דער גולם נאָך גאַנץ
פון אַמאָל, פאַר אַ האַלבן יאָרהונדערט!

18 צו אַ געוויסן קריטיקער

דיין קריטיק מיט די וואָרט־קונצן אַלע
איז דעם גאון נאָך ווייט ניט מגלה;
און דיין פּלפּול אַנטפּלעקט
אים ניט, נייערט ער דעקט
אים נאָר אויף, ווי מע דעקט אויף אַ כלה...

19 אויסגעמענטשלט

אויף דער עלטער שוין פירט זיך אַ יעדער,
אויך דער גרעסטער פּאָעט מיט אַ סדר;
שרייבט די לידאַלעך ניט
מער מיט טרערן און בלוט,
נאָר ער שרייבט ווי אַ מענטש — מיט אַ פעדער!

20 סטיליסטישע מעטאַמאָרפאָזע

צי אַ שרייבער האָט סטיל, ווייזט די דאָזי־
קע סטיליסטישע מעטאַמאָרפאָזע:
פראָזע, רייך און צעבליט,
לייענט זיך ס׳רוב ווי אַ ליד
און אַ ליד דאַרף זיך לייענען ווי פראָזע.

21 קולטור־כניאָק

מען פאַרקויפט דעם פּראָסטאַק במקום תורה
די „מאָדערנע קולטור" פאַר אַ סחורה;
דער קולטור־כניאָק, דער בור,
איז פאַרקאָכט אין „קולטור"...
(דאָס איז קרי, נאָר דער כתיב איז „קול־תורא").

22 אין שפּאַן

ר'איז אַמאָל שוין געווען אַנאַרכיסטיש,
קאָמוניסטיש און קאָלעקטיוויסטיש;
סאָציאַליסט און בונדיסט
טעריטאָריאַליסט,
נו, און היינט — ווי מיינט איר? — ציוניסטיש!

23 פֿאָרוועטס אויף צוריק

ס'איז אַ חידוש ווי ווייט ר'איז פֿאַרפֿאָרן
אונדזער „פֿאָרווערטס" אין עטלעכע יאָרן;
ס'האָט פֿון בונט און מרידות
זיך גאָר אויסגעלאָזט חסידות
מיט אַ רבין, זאָל לעבן, רב שורין...

24 מעשה נורא

ער האָט באַלד נאָך זיין גט מיט דער תורה
צום בודיזם צוגעפּסקעט די בכורה;
פאַר דעם מנהיג־המדינה
איז די געטשקע פון כינע,
ווייזט אויס, בילכער פון גאָט, אונדזער בורא!

25 אין זכות פון באָנדס

קויפן באָנדס האָט געמאַכט דעם מנשה
פאַר אַ חכם, אַ מר־בר־רב־אשי;
אויס עם־הארץ, אדרבה,
יענער שנייד זיך אויף גבאי
און ער קען נישט קיין חומש מיט רש״י...

26 ככל הגויים

מיט אַן אייגענעם שטאַט איז ממילא
שוין רב ייד מער קיין שפּלע כלי;
ר׳איז דערגאַנגגען צום טאָלק,
ר׳איז געוואָרן אַ פאָלק,
אַ גוי גמור און הייסט — ישראלי!

27 איפּכא מסתברא

אונדזער שטאָלץ, ביי אונדז יידן דער פּריץ,
איז דער גאון אין לערנען, דער חריף;
מעשה איפּכא מסתברא
איז דער שטאָלץ פונעם סברא,
וואָס ער הייסט (און ער איז) אַן עם־הארץ...

28 אויף טאָטעריש

מיט דעם יידיש פון זיידע און פאָטער
ווערט איר קיינמאָל פון גלות ניט פטור;
אָבער רעדט איר איווריט,
דאַן דערוויסט מען זיך ניט,
צי איר זענט עס אַ ייד, צי אַ טאָטער!

29 דער מהלך

װי די זון שײַנט אַ נאָמען אויף רײַנע,
גרויסע מענטשן און אויך אויף געמײנע;
משה... דוד... װי שײן
זײער קלאַנג איז... (איך מײן:
מלך דוד און משה רבנו).

30 אין אַ לימעריק קען מען אַזוי — —

אין אַ לימעריק, הייסט איינער מענדל,
הייסט זיין פלוניתטע זיכער גנענדל;
אויב ס'איז שלום אין שטוב,
דאָס פּאָרפּאָלק האָט זיך ליב,
באַקט זי לאַטקעס פאַר אים — אין אַ פענדל...

31 און אַזוי — —

אָבער אויב אַמאָל מאַכט זיך, אַז מענדל
איז אַ זשוליק; וואָס טוט דאָ גנענדל?
נישט זי בראָט, נישט זי באַקט,
נאָר זי נעמט און זי האַקט
און צעהאַקט אים דעם קאָפּ — מיטן פענדל...

32 דער קצב פֿון לימעריק

קודם שנייד אונדזער קצב דעם ליינער
אָפּ צוויי חתיכהלעך איינע נאָך איינער;
און לייגט צו אויף דער שאָל
פֿון דער וואָג אילעמאָל
אַ שטיק לונג מיט אַ צוויי, צי דריי ביינער...

33 נאָנסענס־לימעריק

אונדזער לימעריקס ריטם און ראַם,
מיט זיין טראַפּ, זיין געממזרטן גראַם,
איז דער בעסטער באַוויז,
ס'איז פאַראַן משוגעת
גאַנץ אָן תוכן און פּאַרט מיט אַ טעם!

34 פון קלאַנג צום געדאַנק

אָט אַזוי איז דעם לימעריקס גאַנג:
מען הויבט אָן מיט אַ גראַם, מיט אַ קלאַנג;
אָבער איידער וואָס ווען,
נאָך אַ דריי מיט דער פען,
ווערט געבוירן פון גראַם — דער געדאַנק!

35 אין דער אַטאָמישער תקופה

בעת מען שפּאַלט די אַטאָמען אויף שטיקלעך
און בויט ביז צו די שטערן אַזש בריקלעך,
האָט מען 300 זייטן
דורכצולייענען קיין צייט און
דריבער ליינט מען וואָס מער לימעריקלעך...

36 פרומער לימעריק

ס׳איז אַ ווערטל אַהער און אַהין — — —
נאָר דער מיין פון דעם דאָזיקן מין
איז, אַז קודם קומט „נעשה״
און ערשט אחר־המעשה
ועט מען משיג זיין, וואָס מ׳האָט געטון!...

אַ וואָרט וועגן לימעריקס

אַ וואָרט וועגן לימעריקס

מען ווייסט נישט פון וואַנען עס נעמט זיך דער נאָמען לימעריק, מען ווייסט אויך נישט ווען ער האָט זיך באַוויזן דאָס ערשטע מאָל און עס איז שווער אים אַריינצופּאַסן אין אַ באַשטימטער פּאָעטישער קאַטעגאָריע.

עס ווייזט אויס, אַז דער עלטסטער לימעריק וועגן וועלכן מיר האָבן אַ זיכערע ידיעה, גייט צוריק צום אָנהויב פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט. אין יענער צייט איז אין פראַנקרייך דער לימעריק געווען אַ באַליבטע כלי פאַר פּאָ־ליטישער און סאָציאַלער סאַטירע, אַ מין עפּיגראַם. פונ־דעסטוועגן איז דער כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן פינף־שורותדיקן באַשעפעניש אַ לחלוטין אַנדערער. הגם אויך עפּיגראַמאַטיש פאַרשפּיצט, איז דאָס אָבער פאָרט נישט דער פלינקער, שאַרפער און אומברחמנותדיקער שטויס פונעם עפּיגראַמאַטישן פלאָרעט. מיט זיין גאַנצער עסטע־טישער אָפּגעמאָסטנקייט און אויסגעפיינטער עלעגאַנץ איז

דאָס עפּיגראַם אַ סכנותדיקער כלי־זין, אַ וואָפן עלול צו פאַרוואונדן דעם שונא אפילו אויף טויט. דער לימעריק איז ווייט ווייניקער געפערלעך. נישט געקוקט אויף זיין באַשיידענער און בצמצומדיקער צורה, פאַרמאָגט ער אַ מין בעל־הבתישע ברייטקייט און רחבותדיקייט. דערלאַנגען קען ער אפילו אויך גאַנץ נישקאָשעדיק, אָבער דאָס געשעט מיט אַ שמייכל; אַ שמייכל וואָס דער צד־שכנגדו קען דערביי מיטשמייכלען. עס איז ווי וועןביידע צדדים וואָלטן שוין לכתחילה דעם ענין נישט גענומען אינגאַנצן ערנסט. זיי ווייסן שוין ביים סאַמע אָנהויב, אַז דאָס גאַנצע איז מער בתור פון אַן אָנשטעל, אַז דערביי איז שולט אַ געוויסע שפּילעוודיקייט. אַלץ וואָס געשעט, געשעט מער לטובת דעם פאַרכאַפּנדיקן ריטם פונעם פערז, צי לטובת אַ צווינגענדיקן גראַם, וואָס וויל זיך באין־אופן נישט אָפּטרייסלען איידער מען מאַכט פאַר אים אויף די טיר און לאָזט אים אַריין. יעדער דיכטער ווייסט פון דעם. עס זענען בפירוש פאַרהאַנען געוויסע גראַם־ווער־

טער, וואָס בעטן זיך ממש צינויפגעפּאָרט און איינגעשפּאַנט צו ווערן אין די צוימען פון דער פּאָעטישער קאַרעטע. איז אַזויווי דאָס חשיבות פונעם לימעריק ליגט דערהויפּט אין די גראַמען, איז נישט איבעריק וויכטיק פון וואָספאַראַ מחשבה זיי ווערן צינויפגעטשעפּעט איינער מיטן אַנדערן. עס איז אפילו נישט וויכטיק, צי איז דאָרט בכלל פאַרהאַנען אַ מחשבה, אַ לאָגיש־אויסגעהאַלטענער געדאַנק. עס מעג דאָרט שטיין סתם שטות; עס מעג זיין אינגאַנצן אָן אַ זינען, עס מעג זיין — נאָנסענס. אדרבה, בעת דער לימעריק איז ווידער אויפגעקומען מיט אַן ערך הונדערט יאָר צוריק, איז ער קודם געקומען ווי אַ טרעגער פון נאָנסענס־פּאָעזיע. אפשר אפילו שטעקט אין דעם אַ טיפערער באַטייט. אויב דיכטונג דאַרף זיין אין אַ געוויסער מאָס דער פירוש פון דער צייט, איז אפשר טאַקע גייסטיק הפקרות, שטות און נאָנסענס דער פּאַסיקער פירוש פון דער תקופה, אין וועל־כער מיר אָטעמען.

אפשר איז אויך אַ סברא אַז נאָנסענס־פּאָעזיע איז

געוועז אַ רעאַקציע צו דער ראַציאָנאַליסטישער עפּאָכע פון אויפקלערונג, ענלאַיטענמענט בלע״ז ,וואָס אגב איז די יידי־ שע השכלה געווען נישט מער ווי אַן אימיטאַציע דערפון, אַ נאָכמאַלפעווען די גויישע דרכים, פונקט אַזוי ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיטן „יידישן״ אַנאַרכיזם, סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם. מען האָט זיך געהאַט איבערגעגעסן מיט ראַציאָנאַליזם, מיט דער פילאָזאָפיע פון דער דייטשי־ שער „ריינער פערנונפט״ און מיט עקזאַקטע וויסנשאַפטן. האָט דער איינגעקרעמפּעוועטער גייסט צעבראָכן די קייטן און זיך געלאָזט שווימען אויף דעם וואַקלדיקן און אומ־ זיכערן שיפל פון נאָנסענס, אָבער דערפאַר לכל־הפחות ווי אַ פרייער, אַ ניט־פאַראַמעוועטער פאַסאַזשיר. אַ ראַיה־ לדבר וואָלט געקענט זיין דער גרויסער ענגלישער נאָנ־ סענס־נאָוועליסט און דיכטער, ל ו א י ס ק ע ר אָ ל , באַקאַנט דערהויפּט ווי דער מחבר פון „די אַוואַנטורעס פון עליס אין וואונדערלאַנד״, וואָס פון באַרוף איז ער גע־ ווען אַ מאַטעמאַטיקער.

ווי עס זאָל נישט זיין, אמתדיק פּאָפּולער געמאַכט האָט דעם לימעריק אַן אַנדערער נאָנסענס־דיכטער, דער ענגלי־שער לאַנדשאַפטן־מאָלער און רייזע־שריפטשטעלער ע ד־וואַרד ליר מיט זיין „בוך פון נאָנסענס".

עדוואַרד ליר האָט געלעבט אַרום אַן ערך דער גלייכער צייט ווי לואיס קעראָל. דאָס דער־מאָנטע בוך זיינס איז דערשינען אין 1846. אַ חוץ שטות־פּאָעמעס אין פאַרשידענע פאָרמען געפינען זיך אין יענעם ווערק אויך אַ גרויסע צאָל נאָנסענס־לימעריקס. דער עולם האָט אויפגענומען די דאָזיקע פּובליקאַציע מיט ענטוזיאַזם און איז געבליבן געטריי דעם דיכטער אויך לגבי אייניקע אַנדערע ווערק פון דעם גלייכן מין.

מיט אַן ערך פופציק יאָר שפּעטער, ביים אָנהויב פונעם צוואָנציקסטן יאָרהונדערט, איז דער לימעריק געוואָרן די גרויסע מאָדע און האָט פאַרפלייצט די ליטעראַרישע און בפרט די זשורנאַליסטישע וועלט. צייטונגען און מאַגאַזינען האָבן זיך צוגעכאַפּט דערצו, אויף דעם גלייכן אופן ווי מיט

ווייטערע פּופּציק יאָר שפּעטער די טעלעוויזיע צו די קוויז־פּראָגראַמען. מען האָט אויסגעשריבן פּרייזן פֿאַרן „בעסטן לימעריק", צי בלויז פֿאַר דער „בעסטער לעצטער שורה" פֿון אַ לימעריק. אַזוי איז אָנגעגאַנגען אַ היפּשע צייט, ביז לסוף האָט זיך דער ענטוזיאַזם אָפּגעשוואַכט און עס איז אויף אַ ווײַלע שטילער געוואָרן אַרום דעם דאָזיקן צווײַג פֿון „לײַכטן פּערז".

בשעת־מעשה אָבער און אין דער צייט פֿון זײַן שטאַרקער פּאָפּולאַריטעט זענען פֿאָרגעקומען גרויסע שינויים, בפֿרט וואָס שייך דעם תּוכן פֿונעם לימעריק. מען האָט אויפֿגעהערט אים צו נוצן רק פֿאַר „ריינעם שטות" — וואָס דאָס איז אַמאָל אפֿשר געווען מדה כנגד מדה לגבי „ריינער פֿערנונפֿט" — נאָר אדרבה, מען האָט אים גענוצט פֿאַר חריפֿותדיקע פּלפּולים און וויציקע אײַנפֿאַלן, פֿאַר קריטיק, סאַטירע און בכלל פֿאַר יעדער געוואונטשענער טעמע.

בעצם אָבער איז דער לימעריק געבליבן אַ שפּיל מיט ווערטער, אַ זשאָנגלירן מיט קונציקע און אויסטערלישע

גראַמען, וואָס מען הערט נישט אויף מוסיף צו זיין דערצו וואָס מער און וואָס מער משוגעדיקע פּאָרלעך עד־היום־הזה. מחמת מען איז אַלץ נאָך נישט מיד געוואָרן צו זוכן זייטיקע גראַמען און צו שעפּן נחת דערפון אויב עס גיט זיך איין צו כאַפּן און איינצוזאַמלען אַ פּאָר נייע און זעלטענע זוגות. אַזוי האָט, למשל, מיט אייניקע יאָר צוריק דער פאַרלעגער פון רענדאם־הויז, ב ע נ ע ט ס ע ר ף, אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג לימעריקס. אגב איז ער אַליין געכאַפּט אין דער מעשה און האָט בייגעשטייערט צו דער אויסגאַבע אייניקע אייגענע וואָרט־קאָמפּאָזיציעס. און ערשט פאַר אַ פּאָר חדשים האָט ל ו א י א ו נ ט ע ר מ י י ע ר, דער באַוואוסטער קריטיקער, אַנטאָלאָג און אַליין אַן אָנערקענטער דיכטער, אַרויסגעגעבן אַ לימעריק־אַנטאָלאָגיע.

פאַר מיר איז שטענדיק געווען אַ חידוש, פאַרוואָס די יידישע דיכטונג האָט זיך, אויף ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, קיינמאָל נישט מתעסק געווען מיט דער דאָזיקער דיכטערשער פאָרם. מחמת עס איז נישט קיין ספק, אַז ביי דער

נאָנסענס־ליטעראַטור בכלל און ביים לימעריק בפרט האַנדלט זיך אין אַ בפירושן, לעגיטימען און אייגנאַרטיקן צווייג פון דער ליטעראַטור. קיין גרינגערער ווי ד ז ש אָ ה ן ר אַ ס ק י ן, דער ענגלישער שריפטשטעלער, קונסט־קרי־טיקער און סאָציאַלער רעפאָרמער, באַמערקט ערגעצוואו אין שייכות מיט דער נאָנסענס־פּאָעזיע, אַז זי שטעלט מיט זיך פאָר אַ „חשובן חלק פון דער ענגלישער ליטעראַטור". אגב האָבן אַ סך גרויסע און אָנגעזעענע פּאָעטן און שריי־בערס זיך נישט אָפּגעזאָגט דערפון צו פאַרפאַסן לימעריקס, אָדער לכל־הפחות אונטערצוזינדיקן מיט צוויי, דריי פון די דאָזיקע געפעפערטע פערזן.

דער חידוש ווערט אפילו נאָך גרעסער, אויב מען באַקלערט, אַז יידישע פּאָעטן האָבן אַריינגענומען אין זייער תחום כמעט אַלע פאָרמען פון דער אייראָפּעאישער דיכ־טונג און אויך אייניקע פאָרמען פון דער וועלט־דיכטונג בכלל.

איז, אפשר האָבן זיי פאַרקוקט די דאָזיקע פאָרם צוליב

דעם, וואָס דער מאָדערנער לימעריק איז לכתחילה געווען דער לבוש פאַר סתם־שטות, און יידישער גייסט פאַרטראָגט נישט קיין סתם־שטות. נאָך אַ פילטויזנטיאָריקער טראַדי־ציע איז דער יידישער גייסט אפשר צו געזונט דערצו, צו מיושבדיק. ער איז אפשר גאָרנישט ביכולת אַראָפּצוואַרפן פון זיך איינגאַנצן דעם עול פון גייסטיקער דיסציפּלין און גייסטיקן אחריות, אפילו ניט אויף אַ מינוט פון חיי־שעה.

פון דער אַנדערער זייט האָבן אָבער יידישע דיכטער און קינסטלער גענומען אַ חלק אין די מאָדערנסטע און משונהדיקסטע שיטות פון אייראָפּעישער קונסט און ליטע־ראַטור. איז טאַקע שווער צו פאַרשטיין. —

דער מחבר פון די דאָזיקע יידישע לימעריקס איז מודה, אַז ער אַליין האָט אויך אָנגעהויבן, אָדער לכל־הפּחות געפּרואווט אָנהויבן מיט נאָנסענס. ער איז אָבער שטאַרק מסופק אין דעם, צי האָט זיך אים איינגעגעבן צו פאַר־פאַסן אפילו איין פערז גאַנץ אָן אַ זינען, איין איינציקן הונ־דערט־פּראָצענטיקן, גלאַט כשרן סתם־שטות, לויט דעם

איינגעפונדעוועטן גוויישן נאָנסענס־נוסח. עפּעס אין אים האָט דאָס ניט דערלאָזט. זיין טבע האָט דאָס פּשוט נישט געקענט איבערטראָגן און סוף־כל־סוף האָט ער געמוזט פֿאַרקערעווען און צוריק אָנקומען צום שכל־הישר. האָט ער געמוזט עפּעס „אויפטאָן״...

אָבער אָפּזאָגן זיך אינגאַנצן פֿון דער דאָזיקער פֿאַר־פּירערישער פֿאָרם, דאָס האָט ער אויך נישט געקענט. מחמת דער לימעריק פֿאַרמאָגט אין זיך אַן אייגענעם כוח פֿון צוציאונג. ווי פֿאַר אַ וועוויריקל מוזט איר בלייבן שטיין פֿאַר אים און זיך צוזען מיט פֿאַרבלענזעטע אויגן צו זיינע שטיק, זיינע משונהדיקע שפּרינגעכצער און הוויות.

געבוירן פֿון לופטיקע גראַמען, אויפגעהאָדעוועט מיט ליידיקע וואָרט־שאָלעכצן, שטייט דאָס חנעוודיקע חיהלעביים וועג און וואַרט אויף אייך, איר זאָלט אים מהנה זיין מיט אַ פּאָר קרישקעלעך. צי וואַרט עס אפשר אויף מער? וואָרט עס אפשר, איר זאָלט רחמנות האָבן און אין אים אַריינהויכן אַ ביסל מער חיות, אַ ביסל מער לעבן? צי בעט

גאָר דאָס בריאהלע איר זאָלט אין זיין ליידיקן גוף אַריינ־
זעצן כאָטש אַ שטיקל נשמה?

צי איז דאָס ניט דער אייגנטלעכער סוד פונעם
לימעריק?

דער מחבר

ניו־יאָרק, פרילינג 1962

פ ר י י ה י י ט

סאַטירישע פּאָעמע

פרייהייט

נאָך די אַלע וואָגלענישן,
נאָך די אַלע פרעמדע טישן,
נאָך פּאַספּאָרטן, פּאַראַגראַפן, פּאָליציי —
האָט עס מיך לסוף פאַרטראָגן,
האָב איך מיך לסוף דערשלאָגן
צו דעם לאַנד, וואו אַלע מענטשן זענען פריי!

און — קיין צייט ניט צו פאַרלירן —
האָב איך באַלד געמאַכט פּאַפּירן
און באַצאָלט דערפאַר מזומן טאָלערס דריי;
און געחתמעט און געשוואוירן,
ס'האָט אַ מאַמע מיך געבוירן
און אַז בלייבן וועל איך גוט און פרום און פריי.

גיין אין די ניו־יאָרקער גאַסן
צווישן וואָלקענקראַצערמאַסן
האָט געדריקט אויף מיר אין אָנהויב שווער ווי בליי;
און כ׳האָב מיך געחידושט צי ס׳איז
מעגלעך, צווישן שטיינער־תפיסות
זאָל אַ מענטש זיך טאַקע קענען פילן פריי.

אויך אין סאָבווי, האַלב זאַדושעט,
פון דעם הילך כמעט פאַרגלושעט,
האָב איך אָפטמאָל מיך געוואונדערט, הלמאי
זאָלן מענטשן שטאָרקען, שטופּן
און זיך איינברעכן די ריפּן
און פונדעסטוועגן זאָל אַלץ דאָס הייסן: פריי . . .

נאָר איך האָב מיך באַלד געכומען
זען, איך זאָל צו עפּעס קומען
און מיר איינגעקויפט אַ קאָליראָווע טאַי;
און געלאָזט מיך גאָר אינגיכן
גיין אין גאַס פּרנסה זוכן,
ווייל פּרנסה זוכן איז דאָ יעדער פריי.

אָפּגעפּטרט אַ פּאָר וואָכן
מיט „געזען, געזאָגט, פאַרשפּראָכן"
און דערשמעקנדיק ס'איז גאָר ניט אַיי־אַיי־אַיי,
האָב איך שוין געטראַכט, ס'אַ טעות
און אין דער מדינה דאָ, איז
מען מיט אַרבעט געבן אויך ניט איבעריק פריי . . .

קומט מיר אָן אַ טאָג, אַ שיינעם,
אַז איך דאַרף מיך זען מיט איינעם,
מיט אַ מענטש, וואָס אים צו קענען איז כדאי;
וואָס, אַז אויב דער מענטש זאָל וועלן,
קען איך האָב פּופּצן שטעלן
און מיר לעבן בהרחבהדיק און פריי.

בין איך מיט אַן עלעוויטער,
וואָס אָט פליט ער און אָט שטייט ער,
צו צום צוואַנצקיסטן עטאַזש פון אַ געביי;
האָט מיך דאָרט אַ מיס פאַרבעטן —
מיט אַ שמייכל — איינצוטרעטן,
מחמת איינצוטרעטן איז דאָ יעדער פריי.

זיצט אַ מאַן — למראית איז ער
שטאַרק פאַרנומען, וועריביזי —
זיצט ביים טעלעפאָן און רעד צו מיר דערביי.
הויבט מיך אָן אפילו האַרן,
נאָך איך טראַכט: נאָכוואָס זיך שפּאַרן?
דער פאַרשוין איז, דאַכט זיך, ניט אינגאַנצן פריי.

פלוצים פרעגט ער, אָן שום שהיות,
איידער ווער וואָס זוען נאָך, ווי עס
האַלט מיט צוגעבונדנקייט צו אַ פּאַרטיי;
זאָג איך, איך בין פריי עד־היום,
בין אַ פּראָסטער חי־וקים
און איך האָף, איך וועל אויך ווייטער בלייבן פריי.

שמייכלט ער און זאָגט אין גוטן,
אַז ער ווייסט וואָס כ'האָב געליטן,
ער פֿאַרשטייט, כ'בין אַ געשראָקענער און שיי;
נאָר מיט אים דאָ מעג איך טענהן,
מעג אים זאָגן וואו, פֿון וואַנען . . .
מחמת דאָ אין לאַנד קען יעדער רעדן פֿריי.

חידושט מיך זיך פֿרעג אפֿילו,
נאָר איך זאָג אים, לכתחילה
קומען קום איך עס אַרויס פֿון קאָלאָמיי . . .
אָבער, זאָג איך, דאָס באַשווער איך,
נישט צו קיין פּאַרטיי געהער איך,
און איך האָב נאָר איין כוונה — בלייבן פֿריי!

זאָגט ער, פון דעם רעדט ער מער ניט,
ר'זויל נאָר וויסן צי כ'געהער ניט
צו אַ שוהל, אַ קלוב, אַ יוניאָן, איינערליי . . .
און ער פרעגט מיך, צי פאַרשטיי איך,
זאָג איך, יאָ, אַז דאַוועגען גיי איך,
נאָר לגבי אַלע מענטשן בין איך פריי.

האָט אים דאָס, ווייזט אויס, פאַרדראָסן
און ער זאָגט מיר: אָנגעשלאָסן
ווערן מוזט איר דאָך, שלימזל, סיי־ווי־סיי;
דריבער איז פאַר אייך, לאַ־יוצלח,
קודם־כל אַ יוניאָן נוצליך —
מען מוז זיין אָרגאַניזירט צו לעבן פריי!

ווער איך אויכעט אָנגעלאָדן
און איך טו אַ פרעג דעם אָדון,
צי ער קען מיר אפשר מסביר זיין למאי
און אין וועלכן ספר־פּראַלניק
שטייט, אַז מ׳איז אַ שלימזלניק,
אויב מען גאַרט און מען באַגערט צו בלייבן פריי.

דאָ אין לאַנד מוז מען געהערן,
מוז מען זען אַ מעמבער ווערן,
זאָגט ער שטרענג און אַז ער מיינט עס נישט לגנאי;
קיין פאַרבאַנד, קיין רינג, קיין צענטער,
קיין פראַטערניטי, קיין צמענטער —
ווילט איר אפשר אויך באַגראָבן ווערן פריי?

מחמת װעמען מיר באַגראָבן
מוז אַ מעמבערשיפּ־קאַרד האָבן,
לאָזט ער אױס צו מיר כמעט מיט אַ געשרײ:
שױן געטראַכט מכּוח קרקע?
װײַל אױב ניט, װעט מען אַ זרקע
מיט אײַך טאָן אין ד׳ר ערד אַרײַן, װעט איר זײַן פֿרײַ!

װערט אין אָפּיס עפּעס דושנע
און ער ענדיקט כּהאי לישנא:
נישט קײן צײַט... ער װעט נאָך זען... אַ טאָג, צי צװײ...
אַז איך װיל קען איך אַ רינג טאָן,
אָדער ר׳עט אַלײן אַ קלינג טאָן — —
און ער װײַזט מיר מיט דער האַנט, אַז איך בין פֿרײַ...

ווערט מיר, נעבעך, זייער ביטער
און עס בריט מיט הייסע ריטער
בעת איך ענטפער אויף זיין ברוגזן גוד־באַי ;
ווייטער מער קיין וואָרט פאַרלירט ער
און — אַ ניט־אָרגאַניזירטער —
בין איך קריק אַרויס אין גאַס און ווידער פריי . . .

ווידער פריי אַרומצעוואַנדערן
פון איין סעקרעטאַר צום אַנדערן,
כאָטש איך ווייס, דאָס איז ניט מער ווי קיי און שפיי ;
און איך דאַוון נאָך אַלץ פון פאָרנט,
כ'האָב מיך אַלץ ניט איינגעאָרגאַנ'ט,
נאָר ביז היינט בין איך געבליבן פריי, פריי, פריי !